בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

## וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען עֶטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 16

זֵייגֶער, יֶעצְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיידִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט"; יִשְׂרָאלִי'ק אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, עֶר נֶעמְט דֶעם זֵייגֶער אוּן הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְגֵיין אוּן זָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "גָ-א-ט, גָ-א-ט, לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט!"

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁמֵייכְלְט, זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶענוּג, נִישְׁט דָאס מֵיינְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי אַ קִינְד בֶּעט זַיין טַאטֶע אוּן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט", דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט זֵיי: "וִוי אַזוֹי דֶען דַארְף מֶען בֶּעטְן? אִיר מֵיינְט מֶען דַארְף מֶער פוּן דֶעם? נֵיין, דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן - וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט"א אין 'קול ברסלב'
טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

## וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

"גָאט גָאט, לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט!" אַזוֹי הָאט דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִי'ק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעוֶוען אִיז דָאס אַ קוּרְצֶע צַייט אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן; אִינְמִיטְן קוּמְט אַרַיין דֶער אֵיינִיקֶל יִשְׂרָאלִי'ק, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי קוּקְט אוֹיפְ'ן אֵיינִיקֶל אוּן זָאגְט אִים: "יִשְׂרָאלִי'ק, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיידִי זָאל זַיין



גֶעזוּנְט"; יִשְׂרָאלִי'ק אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן פִינְף יָאר אַלְט, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם רֶבִּי'ן: "וָואס גֶעבְּסְטוּ מִיר דֶערְפַאר?" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִי'ק פִירְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶער אִיד, עֶר בֶּעט אַ פִּדְיוֹן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר יִשְׂרָאלִי'ק: "דָא הָאסְטוּ מַיין גָאלְדֶענֶעם